**גוט שבת און א פרייליכען חנוכה אלע אידן.** די מעשה איז געשען אין דעם ענד פון דעם צווייטן וועלט מלחמה. דער יונגער איד משה ווינעגאר (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען דעמאלט א סאלדאט אין דעם אמעריקאנער מיליטער. אין די לעצטע חדשים פון דער שרעקליכער מלחמה, איז די אמעריקאנער ארמיי אריינגעקומען אין די מדינות אין דעם מערב זייט פון אייראפא.

איין טאג איז דער סאלדאט ווינעגאר אריינגעקומען אין א שטעטל כדי צו ערלעדיגען די עטליכע דייטשע סאלדאטן ימ"ש וואס האבן נאך נישט אראפגעלייגט זייער וואפן. ווייל כאטש אפילו די מלחמה האט בעצם געענדיגט, זענען געבליבן עטליכע דייטשע סאלדאטן וואס האבן נישט געוואלט ענדיגן די מלחמה. וועגן דעם, האט דער סאלדאט ווינעגאר געדארפט אכטונג געבן, ווייל עס איז נאך אלס געבליבן א סכנה. די אמעריקאנער זענען אויך געקומען ארויסצוהעלפן די פליטים וואס זענען צוריק געקומען צו זייער שטעטלעך נאך די מלחמה. צווישען די פליטים זענען געווען עטליכע אידן.

איין נאכט, איז דער סאלדאט געווען אויף א פאטראל אין א פעלד נעבן יענע שטעטל. פלוצלינג, האט דער סאלדאט באמערקט איינער וואס איז געלאפן דורך דעם פעלד. ער האט אנגעשריגן דעם מענטש זאגענדיק: "האלט, אדער איך גיי דיך שיסן." ער האט געזען ווי דער מענטש האט זיך באהאלטן הינטער א בוים. דער סאלדאט ווינעגאר האט געווארט אפאר מינוט ביז ער האט געזען ווי דער מענטש איז ארויסגעקומען פון הינטער דעם בוים. לכאורה, האט דער מענטש נישט געוואוסט אז דער סאלדאט ווינעגאר קוקט אים אן. ווייל דער מענטש איז געגאנגען רוהיגעהייט צו א פלאץ נעבן דעם בוים און ער האט אנגעהויבן צו גראבן א לאך אין די ערד. און דאן האט דער מענטש אנגעהויבן צו גיין נאכאמאל אין דעם פעלד. דאן האט דער סאלדאט נאכאמאל אנגעשריגן דעם מענטש זאגענדיק: "האלט, אדער איך גיי דיך שיסן." דער סאלדאט האט כמעט געשאסן דעם מענטש, ל"ע, אבער, עפעס אין אים האט אים צוריקגעהאלטן פון שיסן דעם מענטש. נאר, ער האט געחאפט דעם מענטש און ער האט אים אראפגעווארפן צו דער ערד.

צו זיין ערשטוינקייט האט ווינעגאר געטראפן א יונג קינד. א שיינע זילבערנע חנוכה מנורה איז אראפגעפאלן פון די הענט פון דעם קינד. ווינעגאר האט אויפגעהויבן די מנורה. דאס קינד האט פראבירט עס צוריק צו נעמען, שרייענדיק, "עס איז מיינס, געב עס צוריק! עס איז מיינס, געב עס צוריק!"

ווינעגאר האט פראבירט צו בארוהיגן דעם קינד, און ער האט אים געזאגט אז ער דארף נישט מורא האבן, ווייל די אמעריקאנער זענען געקומען צו העלפן אזעלכע מענטשן ווי אים. דער סאלדאט האט ווייטער געזאגט פאר דעם קינד אז ער זאל נישט מורא האבן ווייל ער איז אויך א איד. פארשטייט זיך אז דאס קינד, וואס האט דורכגעלעבט די מלחמה, האט מורא געהאט פון אלע סאלדאטן. דאס קינד האט נעבאך דערזען ווי זיין טאטע איז אומגעקומען על קידוש השם. און דאס קינד האט נישט געוואוסט וואס איז געשען מיט זיין מאמע, רח"ל. דער סאלדאט ווינעגאר האט צוריקגעגעבן די מנורה צו דעם קינד, און דורך דעם איז ער סוף כל סוף בארוהיגט געווארן.

דער סאלדאט האט רחמנות געהאט אויף דעם קינד. וועגן דעם האט ער אים אויפגעצויגן. דער סאלדאט האט דעם קינד שמואל (נישט זיין עכטע נאמען) צוריקגעברענגט קיין ניו יארק און ער האט פראבירט אים צו העלפן אנהייבן א פרישע לעבן אין אמעריקא נאך די שרעקליכע יארן פון דער מלחמה.

איין טאג, א חבר פון משה האט געזען שמואל'ס זילבערנע חנוכה מנורה. דער חבר האט געפירט אן "אידישן מוזיאון" (א פלאץ ווי מען האלט גאר אלטע זאכן). וועגן דעם, האט דער חבר געוואלט קויפן די מנורה פאר די מוזיאון. דער חבר האט פארגעשטעלט פאר שמאול א ריזיגע סכום געלט פאר די מנורה. אבער, שמואל האט נישט מסכים געווען צו פארקויפן די מנורה. ווייל ליידער, איז די מנורה געווען דער איינציגסטער קשר וואס ער האט געהאט מיט זיין משפחה. און נישט נאר דאס, אבער די מנורה האט באלאנגט צו שמואל'ס משפחה פאר דורי דורות.

ווען חנוכה איז געקומען די יאר, האט שמואל אנגעצינדן זיינע מנורה נעבן דעם טיר נעבן דעם פענסטער. א שטיק צייט שפעטער, האבן זיי געהערט א קלאפ אויפ'ן טיר. משה איז געגאנגען צו דער טיר וואו ער האט געטראפן א אידישע פרוי שטייענדיק לעבן דעם טיר. די פרוי האט גערעדט ענגליש מיט א שטארקע אייראפעישע אקסענט. די פרוי האט פארציילט ווי זי איז געגאנגען אויפ'ן גאס ווען זי האט געזען א מנורה אין די פענסטער. זי האט פארציילט אז זי אליינס האט געהאט אן ענליכע מנורה אין אירע משפחה פאר די מלחמה טעג. זי האט געבעטן פון אים אז זי וויל אנקוקן די מנורה. ער האט געזאגט אז די מנורה באלאנגט צו זיין "זון" שמואל, און אויב זי וויל, קען זי רעדן מיט דעם קינד אליינס וועגן די מנורה. ער האט גערופן דעם קינד שמואל, וואס איז דעמאלט געווען און אן אנדערן צימער. ווען שמואל האט געזען די פרוי, האט ער אנגעהויבן צו לויפן צו איר שרייענדיק "מאמי, מאמי!" דורך די מצוה פון חנוכה לעכט האט א צובראכענער יתום געטראפן זיין מאמע, און א צובראכענע אלמנה געטראפן איר זון! פון דא זעט מען דעם כח פון חנוכה לעכט! די מעשה וואס מען האט פארציילט איז אמת, אבער עס ליגט אין די מעשה א געוואלדיגע נמשל אויך. דורך צינדען די חנוכה לעכט קען א איד צוריקקומען צו זיין טאט'ן אין הימעל און קען ער שפירן אן אמת'ע קשר מיט'ן רבונו של עולם.

דער הייליגער קדושת לוי זי"ע ברענגט אז, ווי מער מען צינדט די לעכט מיט א שמחה, קען די נשמה מער שפירן די השפעות טובות וואס קומען אראפ אין די הייליגע טעג פון חנוכה. איז לאמיר זיך נתעורר ווערן צו מקיים זיין די מצוה פון חנוכה לעכט מיט א ברען און א חיות און מיט גרויס שמחה. **גוט שבת און א פרייליכען חנוכה אלע אידן.**

לע"נ האשה החשובה מרת ציפורה יוטא בת מרדכי מענדל ע"ה • כ"ד כסלו תשכ"ג
מזל טוב למוה"ר ר' יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת אירוסי בנו ישכר דוב נ"י בשעטומ"צ
לע"נ ר' יודא בן משה יוסף ע"ה • לרפו"ש של נאוה בת פרומא לאה תחי'
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר' דוד ע"ה כ' שבט תשס"ג
שתיקה יפה בשעת התפילה "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן." (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234